STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01454

GANG

N. Y. Gotlib

*Permanent preservation of this book was made possible
by Bernard & Barbara Kaplan
in memory of
Mrs. Hannah Kaplan*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נח יצחק גאָטליב

גאַנג

ליטעראַטן-פאַרלאַג „מיר אַליין"
קאָוונע 1929

געדרוקט אין 1000 עקזעמפּליאַרן
דרוקעריי „אידישע שטימע״

עס פירט מיך נאַכט דורך אירע בלינדע וועגן,
באַרעגנטע מיט האַרבסטיקן געוויין.
אָ, מאַמע, מאַמע! האָסט זיך שוין צעזעגנט
אין שטילער היים מיט קינד׳ס צעשטויבט געביין…

אַוועק בין איך פון ווינקלען פיר פאַרקלערטע,
פון טיר און שוועל אין טרויער שוין פאַרוועבט, —
אַף נייעם גאַנג פון ערדן מיר באַשערטע,
צו נייער וואָר פון גרייפנד־שטאָלצע קעפ…

און כ׳בלאָנדזשע נאָך מיט עלנט־זאַק אף פּלייצע,
און כ׳פלאָנטע זיך אין שוואַרצער נעץ פון נאַכט…
נאָר ס׳איז מיין האַרץ מיט מאָרגנרויט פאַרזייט שוין,
און גלויביק בליק — מיט ליכטיקייט באַוואַכט.

און ס׳איז מיין זעל שוין פול מיט העלער בשורה:
עס רייט שוין רויטע פריידי, עס רופט שוין פרייד.
העי, מאַמע, מאַמע! ווערן וועסט געוואוירע:
דיין קינד האָט גרינגע פליגלען שוין צעשפרייט…

טאָ זאָל מיך פירן נאַכט דורך אירע וועגן,
פאַרוויקלטע אַף קנויל פון בלינדן שלאָף —:
זי וועט אַליין אין אויסדערוויילטער רגע
דערפירן מיך צום ליכטיקן איר סוף…

אין אלטער היים

(פּאָעמע)

ערשטער טײל

1

כ'האָב, מיד פון בלאָנדזשען, גרוי פון שטויבן,
שוין לאַנג געפלאַנט אַ נעסט זיך בויען
און מײנע בענקנדיקע אויגן
דער פרעמדער פרײער ערד פאַרטרויען.

נאָר ס'האָט מײן קינדיש האַרץ פאַרנומען
דײן װײטן רוף מיט צאַרטן ציטער, —
און כ'בין אַפּסנײ צו דיר געקומען,
אָ, הײמשטאָט טאָליקע פון ליטע!

ס'האָט װער אין מיר גענומען שפּינען
אַ קלאָר געװעב פון יונגע יאָרן
און מיך געטריבן רו געפינען
אין דײנע מוטערישע אָרעמס.

און כ'בין אַװעק פון מיט פון שטרײטן,
פון נײער װאָר אין העליש פלאַמען, —
צו שטילע, טרױמערישע װײטן,
צו אַלטער הײם און פרומער מאַמען.

2

די אַלטע היים. אָ, קינדהייט-שומרים טרייע,
באַוואַכט אַ ווייל די שוועל פון מיין זכרון!
איך גיי שוין אויף מיט קלאַנגען פון ווילִיע —
דער שטילער שטראָם פון מיינע ערשטע יאָרן.

אָט דאָרט, באַם ברעג פון אירע בלויע וועלן,
האָט מאַמע מיך פאַרוויגט מיט פרומע לידער.
דער שטרענגער טאַטע שווייגנדיק פלעגט קוועלן:
— עס וואַקסט שוין נאָך אַ איד צעווישן אידן...

דער שטרענגער טאַטע. שטענדיק מיטן ספר.
כ׳געדענק אַ ווינטער-נאַכט מיט שניי באַהאַנגען.
אַ פרום געזאַנג, אַ מידער און אַ ווייבער,
איז צו מיין וואַכן אויער דאַן דערגאַנגען.

דאָס האָט דער שטרענגער טאַטע צאַרט געשמועסט
מיט בעסטן פריינט, מיט תהילים׳ל מיט קליינעם...
און נאַכט נאָך נאַכט... ס׳פלעגט האַרץ שוין בלייבן רוען
אַף מילדן קלאַנג פון ניגון זויבער-ריינעם. — — —

און ס׳גייען טעג. צעווישן ברידערלעך אסאך שוין
איך וואקס און בלי אין פרומקייט-יאך אן איינגעשפאנטער;
מיט גרייזע נעמען צווי פון הייליקן תנ״ך׳ל,
מיט יארמעלקע, מיט פאות-צעפ און ארבע-כנפות...

און טאג נאך טאג. און אט איז פרייטיק שוין און שבת.
עס פלייצט אף גאס א ליכטיקער, א יונגער פרילינג.
איך גיי מיט טאטן און מיט ברידערלעך שוין דאוונען
אין שטיבל חסידישע — א פרישינקער, א גרינגער.

די שטיבל חסידישע. בא גרינעם בארג צופוסנס.
עס גרינען טעג און עפעס בליט אין מיר און צייטיקט. ———
און אט: אף שפיץ פון בארג איך ליג און קיל מיט קושן
די בלוי-פארויכערטע און הויס-באזונטע וויטן...

דאס איז געווען דער רוף פון איינזאמקייט דער ערשטער,
וואס האט אף לאנג פארשכורט מיך מיט זיסן טראפן.
עס האט א האריץ דערוואכט מיט גלויבן אזא פעסטן
אין וועלטן זוניקע בא גרינעם בארג צוקאפנס.

4

נאָר ס׳ליגט אַ שטאָט אין שטילן טאָל, אַ טאָליק שטאָט אַ שטילע,
באַוואַכט־באַרוט מיט האָרבן־בערג, מיט וואַסערן און בריקן,
פאַרקניפּט מיט בלויען שנור—רצועה כשר׳ע פון הימל —
און פול און איבערפול מיט מענטשיש־וואונדערלעכע בליקן...

און ס׳ציט צו גאַס, צו שטויב פון מערק, צו וואָכעדיקן טומל.
און ליב און טייער ווערן טעג פון חדר שוין באַפרייטע:
אַזוי פיל שעה׳ן ליכטיקע אין שטאָטישן געווימל, —
און כ׳שפּרייז מיר פריי אַרום און קוק ווי ס׳לעבט זיך דאָס באַ לייטן.

סע שנירלען שורות קראָמען זיך, ווי אותיות אין סדור,
און שילדן־קרוינען בלעכענע באַרימען זיך פאַר שכנים...
עס האַוועון אידן בערדיקע מיט קרעמערשן גערודער
און גראַגערן און נאַרן אויס באַ גאַס אַ בינטל קונים...

און יאַטקעס, טישלעך, בירעלעך און שפּייכלערס פול מיט תבואה,
און וועגענער באַלאָדענע מיט סחורות ביזן הימל;
עס זידלען זיך איזוואָזטשיקעס צעוואַקסענע און גרויע,
און ס׳שיינט די זון אַף רוישיקן, אַף אידישן געווימל.

און ס'שפּילט די זון מיט מײנע אױגן פֿרישער, ליכטיקער און הײסער.
עס האָט מיך גאַס, די שטױביק גאַס, די אידיש גאַס אַזױ פֿאַר'כשופֿ'ט.
און שפּעט אין נאַכט, אין שעה פֿון רו, איז גוט געװען אין בעט אין
קלײנער
מיט ציטריק האַרץ פֿאַרטרױען צאַרט פֿון רױשיק גאַס דער נאָנטער
קישן...

נאָר ס'איז דעם טאַטן, שטרענגן טאַטן, ניט צוליב געװען מײן לױפֿן.—
און שטרענג און פֿרום, מיט קרעכץ מיט מידן, פֿלעגט ער זאָגן טיף
אין קומער:
—גענוג אַף הײנט די גאַסן מעסטן, צײט שױן נעמען אױך אַ ספֿר,
אַ אידיש װאָרט, אַ בלאַט גמרא, אָדער גאָר אַ שטיקל חומש!

אַ בלאַט גמרא... װיפֿל בלעטער טונקל-געלע פֿון גמרא
האָט צײט פֿאַרמישט מיט גרױער האַנט פֿון ערשטן טאָג פֿון יאָר
מײן אַכטן!
—עס װאַקסט אַ רב—פֿלעג טאַטע זאָגן—קאָפּ איז פֿײאיק, אָן עין-הרע!—
און מאַמע גליקלעכע פֿלעגט קװעלן, שײנען ליכטיקער פֿון נחת...

און ס'האָט אין קעלט פֿון װינטער-נעכט געקלונגען שױן מײן לױטער
שטימע.
פֿאַר זומער טעג כ'האָב זיך געבאָרגט באַ שבת-רו אַ דאָפּלט זעלע...
און כ'האָב געפֿלײסט זיך גלוסטיק-הײס מיט יונגען גוף אַריבערשװימען
דעם אומגעהױער תּלמוד-ים פֿון די חברים מײנע שנעלער...

אָט די חברים. ס'פּאַלט אַ שיין פון ווייטער פרייד אַף מיינע אויגן.
און ס'גייען טעג אויף—ראָזע זריחות—טעג צעהעלטע, גאָלדיק-בּלויע.
און ווידער בּליען אויף אַף הימלען אויסגעטרוימטע רעגנבּויגנס
פון גרינגער יוגנט ווילד-פאַרשייטער אינם לויף צו וועלטנס טויער.

אַ זוניק ראָד פון יונגען בּראַווע, חברה שטיפערס, גאָלע טרוימערס.
מיר דראַפּן זיך אַף האָרבּן-בּערג און גלייך מיט זיי מיר גרינען, וואַקסן;
אין הפקר-טאַנץ מיר דרייען זיך, בּאַפרייט פון טאַטע-מאַמע-צוימען,
און צאַפּל-גלי אין יונגע פיס און העכער-הויך—די שמאָלע אַקסלען.

און ס'פלעגן בּליקן זיך פאַרהייטלען—ראָז און בּלוי, ווי גינען-טויען—
ווען ס'האָט פון חברה ווער דערציילט שוין פון מלחמות און פאַראַדן,
פון שדים, מתים, גוטע אידן, פון גר-צדק, ווילנער גאון,
פון נאַפּאָליאָן אַף היגע בּערג, פון היגן בּלויען טרוימער מאַפּו...

אָ, פיל לעגענדעס—גאָלדיק-קלאָר—פון צייטן גרייזע, וואונדער-לענדער,
האָט יעדער איינער אויסגעשפּינט זיך מיט אַ יוגנט-האַרץ
אַ גליאיקס! — — —
נאָר ס'פלעגט שוין האַרץ מיינס גליען הייסער, שטורמיש בּרויזן בּאַ לעגענדע
פון אוראַלט-גרויען היימשטאָט-שלאָס בּאַם שוועל פון קוועלנדער ווילִיע. — — —

7

בּאַם שוועל פֿון קוועלנדער ווילִיע דאַוונען גראָזן גרינע.
בּאַם שוועל פֿון פֿלייצנדער ווילִיע שטיפֿן ווינטלעך בּלויע.
בּאַם שוועל פֿון שטראָמענדער ווילִיע שטוינען גרוי רואינען.
אָט דאָרט, בּאַם גראָזיק-ווייכן שוועל, רואינען שטומע גרויען...

דער אַלטער שלאָס... ווי שאָטנס דאַרע שווימען אָן געשטאַלטן.
(איך האָב אַמאָל געזען זיי — שטייפֿע — ליגנדיק אין וויגל).
די אויגן — שטאַר, די ליפּן — אייז, ווי ווענט פֿון שלאָס די אַלטע, —
און ווייען אָן אַ מידעניש מיט בּלייאיק-שווערע פֿליגלען.

אַ גליווער-טרוים פֿון דורות בּלייכע אין דער גרויער ליטע,
פֿון מאָכיקע געזיכטער-גלידער איינגעהילט אין מאַסקעס...
נאָר צווישן זיי — אַ העל געזאַנג. עס טוט דאָס האַרץ אַ ציטער:
עס הערט אַ רוף, אַ מעכטיק קול, פֿון קוילקען און פֿון שאַסקען.

די העלדן צוויי פֿון פֿינפֿטן יאָר אין ליטע און אין רייסן.
די בּרידער צוויי... אין שטרייט, אין בּלוט, מיט שטאָלצער פֿאָן פֿון בּונטן...

— — — — — — — — — — — — —

בּיז לעצטן שאָל פֿון שלאַכט — און זיינען — וואָר, צי גאָר אַ מעשה —
אין שטומער הויל פֿון אַלטן שלאָס אַף אייבּיק דאַן פֿאַרשוואונדן...

8

די שטומע הויל פון אַלטן שלאָס אין טיף פון יאָרן.
ווי דורך אַ נעפּל זע איך ווידער טיף פאַר'חדוש'ט,
(נאָך גאָר אַ קליינס, אַ פּיצל קינד, אין מאַמעס אָרעמס),
ווי ס'ציִען מחנות זיך מיט ברויזנדיקע לידער...

ווי אין אַ חלום שעפּט מיין אויער פון באַלקאָנען
אַ בליציק-שאַרפן רוף צו שאַלנדער כלי-זיין,
ווי אין אַ חלום ברומען ווידער די קאַנאָנען,
וואָס היימשטאָט-בערג די גרינע האָבן שטום פאַרטייעט...

דער פינפטער יאָר! עס פליגן וואונדערלעכע מעשיות
די ברידער מיינע איינס דעם אַנדערן פאַרטרויען
און ס'פליגט שוין האַרץ באַנאַכט אַף קליינינק בעט אַף ווייסער
אין נעץ פון טרוים זיך צאַפּלען לאַנגע-לאַנגע שעה'ן...

דער פינפטער יאָר! און אויך דער טאַטע פליגט דערמאָנען
„די שיינע טעג" — און ס'פליגט זיין שטרענגער בליק זיך בייטן:
ער פליגט שוין דאַן אַליין מיט ליכטנדיקן פּנים
פאַרפירן היים אַ שמועס פון משיח'ס צייטן...

—וגר זאב עם כבש, — מיינט דער נביא:
אָט יענע טעג די גרויסע פון משיח.
דערווייל איז מען אין גלות נאָך, אין פלאָגן,
נאָר אויפגיין וועט דאָס העלע ליכט פון ציון!...

און ס'האָבן יאָרן גלויביקע און שטילע
געצויגן גלות-יאָך מיט טרייסט אין האַרצן.
געלאָשן שקיעות-גאָלד אין פרומע תפילות,
געצונדן אויפגאַנגען אין הייליק וואַרטן.

און יאָרן, יאָרן. זוניקע און מילדע.
און אויך מיין שטאָט געטרויט האָט דאַן איר פעסטונג...
נאָר ס'האָט אַ מבול בליציקער און ווילדער
די גרינע פלאַך פון ערד געצומען מעסטן.

און ס'האָט זיך אונז, אָ, היימשטאָט, גיך געענדיקט
דער בלויער טרוים געהילט אין טאַטנס טלית...
אַף וועלטיש גרויס, אַף ימים און אַף לענדער,
אַ רויטער שטערן איז אַראָפּגעפאַלן. — — — —

10

און רויט און רויך—די ערד און הימלען.
און ווייטנס הערצער—דורכגעלעכערט.
און וועלטיש גרויס—אַ דולער הימן
צום בלוטיק-פייערדיקן בעכער.

און ס'האָבן יאָרן בלוטיק-רויטע
צעהאַקט, צעשמיסן און צעשליידערט — — —
און ס'האָבן ערדנס רויטע בייטן,
אָ, היימשטאָט, מיך פון דיך דערווייטערט! — — —

— — — — — — — — — —

— — — — — — — — — —

און מיד פון בלאָנדזשען, גרוי פון שטויבן,
כ'האָב לאַנג געפלאַנט אַ נעסט זיך בויען
און מיינע בענקנדיקע אויגן
דער פרעמדער פרייער ערד פאַרטרויען.

נאָר ס'האָט מיין קינדיש האַרץ פאַרנומען
דיין ווייטן רוף מיט צאַרטן ציטער, —
און כ'בין אַפּסניי צו דיר געקומען,
אָ, היימשטאָט טאָליקע פון ליטע!

צווייטער טייל

11

שוין וויפל גרויע טעג איך שפּאַן דאָ,
שוין וויפל בלינדע נעכט צעשיט איך...
אָ, האַרץ מיין האַרץ, דו האָסט פאַרזאַמט דאָ,
אין היימשטאָט טאָליקער פון ליטע!

ס'איז אַלטע היים—אַ יונגע קרוינשטאָט
אין פּלאַטער פון קאָלירטע פאָנען...
ס'איז אַלטע היים—אַ פרעמדע וואוינונג,—
און שווער איז איר שוין צו דערקענען.

אין אַלטער היים געזוכט האָסט רו דאָ,
אָ, האַרץ מיין האַרץ,—די רו פון קינדהייט!
ס'איז אַלטע היים—פאַרפלעקט, פאַרברודיקט
און ס'לויפן אום דאָ בייזע ווינטן...

אָ, בלוּאינקע, אָ, ווייטע יוגנט!
דיין צאַרטער רוף האָט מיך פאַרשכורט
אין שנעלן לויף פון רוסלאַנד'ס צונג,
אַף העלן וועג פון מיין צוריקקער.

כ׳געדענק דעם זומער-פרי פון מיין צוריקקער,
באַ אַלטער שוועל--די מאַמעס הייסע קושן.
באַטאַפּט האָט מיך די מאַמע הייס און גליקלעך:
עס לעבט איר קינד נאָך זיבן יאָר אין רוסלאַנד!...

געטראָפן האָב איך צימערן נאָך פרומע,
געקוקט, באַטראַכט, — און ס׳האָט דאָס האַרץ פאַרשעמט זיך: —
די אַלטע הייס פאַרבראָכן ליגט אין אומעט,
סע שוויגט די הייס אין טרויער אַ פאַרקלעמטע...

די ווענט—-צעקרימט, ווי אונטער שווערע לאַסטן,
און הויך—פאַרצויגן איז אין גרויען שפּינוועבס,
און צווישן ספרים-שטויב אין טויבע קאַסטנס
פאַרבאָרגן וויינט אַן עלנטע די שכינה...

געקוקט האָב איך דורך פענסטער אַף ווויליע —
דער שטילער שטראָם פון מיינע ערשטע יאָרן — — —
אָ, שוויג, מיין האַרץ! וואָס האָסטו זיך צעשריען?
אָ, וויין ניט, האַרץ! מע טאָר שוין ניט, מע טאָר ניט!

13

ס'איז אויסגעוואַקסן דאָ אַ צייט אין נייע הויטן,
מיט נייער פרייד, מיט פרישע ווייטאָקן און וואונדן, —
און אַלטע היים—אַוועק מיט רויך פון יאָרן רויטע,
אין בלוט און פיין אַוועק, אַף אייביק שוין פאַרשוואונדן.

אַ טויבע וואָך צעוויקלט האָט איר שטויביק מאַנטל
און איינגעהילט אין גרוי די שבת'דיקע לייכטער...
און ווייט, אָ, ווייט, שוין שלאָפט בּאַרוט דער שטרענגער טאַטע,
און מאַמעס בּליקן—שטענדיק טריבּע, שטענדיק פייכטע.

פאַרלאָזן ליגן תפילין שימלענדיק און שוידלען
און בּרידער יונגע היילן זיך שוין ניט צום דאַווענען,
און שטיבּל חסידישע—אַ לעצטער שטומער עדות—
איז מיד פאַרקלערט און שטופּט אַ שבת נאָך אַ שבת...

ס'איז אויסגעלאָשן שוין פון לאַנג איר פרומער פייער
און אָפּגעטאָן האָט זיך פון איר די ווייסע קדושה...
און ס'בּעטן אידן דאָרט אַף טרייסטלאָזער בּאַנייאונג —
אין שטיבּל חסידישער בּאַ גרינעם בּאַרג צופוסנס...

14

דער גרינער בּאַרג. פון העלער אײנזאַמקײט מײן ערשטער שײטער.
פון גרינעם בּאַרג ט'זיך האַרץ אַמאָל צום הימל-סטעפּ געצױגן.
כ'האָבּ זיך אַמאָל פון גרינעם בּאַרג פּאַרטרױט די שטילע װײטן.
איצט שטײ איך װידער אַף זײן שפּיץ און קוק אױס מײנע אױגן:

אַ װילד געררױש גײט אױף פון טאָל, פון הײזער און פון גאַסן.
עס האָט זיך שטאָט צעקלונגען פון װיליע און ביז ניעמאַן.
און בּריקן הױערן מיט אָדלער-פליגלען אַפן װאַסער,
און דעכער הױבּן זיך צו זון און ס'קוקן שטאָלן אַנטענעס...

אַלץ הױקערדיקער װערן בּערג, אַלץ ענגער האָריזאָנטן,
אַלץ רײצנדער—דער פלעצער-רוף, אַלץ עפּטער—די פּאַראַדן...
און ס'גלעקערן די טורעמס שױן אַף דױערדיקן יום-טוב,
און ס'ענטפערן: פּראָפּעלער-רױש און דונערן פון ראַדיאָ.

עס האָט זיך שטאָט צערעדט מיט שטעט געקרױנטע װי מיט גלײכן.
און בּרײט צעפּראַלט איז גרינער בּריק—דער טױער צו אײראָפּע...
עס װאַקסן תּפיסות און שפּיטעלער... ס'גרינען גאַסן רײכע.
און כ'הער: עס בּרומט געװיטער שױן בּאַ גרינעם בּאַרג צוקאָפּנס!———

איך פלאָנטע זיך אין נעץ פון אידיש גאַס ביז נאַכט און פון באַגינען.
אין אידיש גאַס, אין נאָנטער גאַס, וואו ס'האָבן יוגנט-טעג געשטענדיקט.
אין אידיש גאַס פון מיין אַמאָל,—איך האָב געמיינט דאָ רו געפינען,—
און אָנגעפלאָגט איז מיר דאָס האַרץ, און צאַרט-פאַרבענקטער בליק
— געשענדעט.

עס האָבן שילדן, אומרו-שילדן, דאָ פאַרהאַנגען אַלע הימלען.
אין ענג איז דורכגאַנג, גרויס געיעג איז, גרוים דורך היצן און דורך
שנייען;
און ס'טראָגט די לופט אַף כוואַליעס ברודיקע דעם קרעמערשן געווימל,
און ס'הענגט די זון אינמיטן מאַרק — אַ געל-צעריבענע מטבע...

סע שרייט מיין בלוט און הייס אין מאַרך ווערט, אויגן גיסן זיך מיט
האַס אָן:
ס'האָט ווער דאָ גיריק אויסגעוואָרגן און צעטראָטן אַלע גלויבנס,
און ס'פיבערט לייזונג היציקער, און ס'פיבערט הייסער לייזונג רעשיק,
און ס'בילן טעג דאָ, דול-צעהאַוועט, טעג משוגע'נע און טויבע.

עס טרייבט מיך אום פון ראָג צו ראָג, פון וואַנט צו וואַנט, אַ גרויער
עלנט
און כ'זוך אַ טרייסט פאַר מידן בליק, און ס'רופן הייזעריקע קראָמען,
און ס'יאָגט אַ שטויב פון פרי ביז שפּעט, און ס'הילכן שטומפּיק-
בלינדע שוועלן, —
און ס'ווייגט אינמיטן מאַרק—צעקרימט און געל—מיין אידישע נשמה.

אַף לֿײַסוועס העלֿער לֿויכטן הײַזער, ברײַטער שמײַכלֿען טראָטוּאַרן;
אַף לֿײַסוועס זאַטער שײַנען פענסטער, שטאָלֿץ איז רוּף פון רעסטאָראַנען;
אין האַרץ פון קרױנשטאָט גרינען פאַרקן, פרױען-בֿליק איז צאַרט
און וואַרים;
אין האַרץ פון קרױנשטאָט, האַרץ מײַנס מידעס, לֿאָמיר גײן דאָ,
לֿאָמיר שפּאַנען!

ס'איז פרײלֿעך דאָ פון פרי ביז שפּעט און שטימען קלֿינגען דאָ נגידיש,
און אױסגערוטע זײַנען בֿליקן, שנײאיק-װײַסער איז דער אָנטון,
און גרינג שפּאַציר איז, טראָט איז װײכער, פרישער עטעמען די גלֿידער;
ס'איז שבת דאָ אין לֿענג פון גרױער װאָך, אין מיטװאָך'ס און אין
מאָנטיק'ס.

ס'איז שבת דאָ פון פרי ביז שפּעט, אַף טראָטוּאַרן פול-געפּאַקטע.—
און קומט דער אָװנט,—נעמט עס בֿליצן, נעמט זיך גאַס אין לֿאָמפּן
צירן,
און ס'גיסט זיך אָן מיט טרײפעס בֿלוט איר זױפערישער האַלֿז-און-נאַקן,
און ס'רײצן פײערן און טראָגן צו פאַרפירערישע טירן.

עס װערט די גאַס—אַ פלֿאַמיק קנױל פון לֿײדנשאַפטלֿעכע באַגערן,
און ס'יאָגט מיט װײַן און מיט געזאַנג און ס'הילֿכן שכוּר'ע די שטײנער...
עס פילֿט זיך אָן די לֿופט מיט גיפט און װערט אַלֿץ בֿלײאיקער און
שװערער,
און ס'בֿושעװעט מײַן מידעס האַרץ אין האַרץ פון העלֿ-צעבֿליצטער
קרױנשטאָט.

17

אָ, קרוינשטאָט בליציקע, אין רו צעשפּרייטע און אין זאַטקייט!
פון טאָג צו טאָג אַלץ וואַקסן מער די גועסלעך דיינע בלינדע,
עס בליט די אָרימקייט אין שטיבלעך הילצערנע געראָטן
און ס'צאַפּלען הערצער קראַנקע אויף אין וויטאָק און אין שנאה...

אין חורבות-נעסטן ראָסטיקע, אין קעלערן פול-שימל, —
דאָרט קלאָגט די נויט און אויג פון זאָרג פון גרויער שטענדיק וואָך איז,
דאָרט הויבן טעג דעם אָטעם אוים אַף הענט פון שאָטנס מידע,
דאָרט וויינען קינדער הונגעריק אין פינסטערע נאַכטן.

און אין די פריען, ווען פאַבריקן הילכיק זיך צעשרייען, —
פון געסלעך קרום-צעהויקערטע, פון שטיבלעך און פון הויפן,
אַף מי, אַף אַרבעט שטרענגער זיך צעשיטן ברידער מיינע,
אַף מי, אַף אַרבעט בלוטיקער פאַר פרעמדן גליק, פאַר טרייפן. —

מיט נאַכט אין בליק, מיט אַש אין קאָפּ, מיט בליי אין טראָט אין שטייפן
געשווינטער שפּאַנען זיי אַף שפּריט פון שטאָטישע אַספאַלטן;
עס טראָגט, עס יאָגט,—און קימענס-גאָרגלען הייזעריק אַלץ פייפן,—
און ס'צאַפּלט זיך מיין האַרץ און שרייט אין ווענט פון היים פון אַלטער.

18

אָ, קרוינשטאָט שכּור'ע, באַוואַשענע מיט וויינען!
כ'האָב לאַנג געשפּאַנט אַף ערד פאַרוואָרלאָזטער פון ליטע,
אַף ערד אַף ליטווישער—דער גרויער טעפּיך דיינער,
וואָס האָסט פון אונטער הערשערישע פיס צעוויקלט...

פון גרינע ניעמאַן-ברעגעס ביז דעם ים דעם בלויען, —
עס וויינט די ערד, עס וויינט, און ס'וויטאָקט יעדעם גליד איר,
און ווינטן, הונגעריק, ווי וועלף ווי גרויע וואָיען,
און יעדער שטיין מיט פּיין איז אָנגעזויפט און זידט שוין...

עס קרייצן וועגן זיך אין בענקעניש, אין וואַרטן,
און שליאַכן קרומע קוקן אויגן אוים אין אומעט...
און ערגעץ בלאָנדזשען אום מיט הייסן האַס אין האַרצן
די זין די אויסדערווײלטע פון דיין שטומער אומה...

פאַרטריבן האָסטו אַלעמען פון טיש פון גרייטן
און פראַוועסט פריי דיין חיה'שע, דיין ווילדע סעודה————
נאָר קומען וועט אַ טאָג אין פייערדיקן צייכן
באַצאָלן דיר פאַר אַלע דיינע זינד און שולדן!

— — — — — — — — — — — — —

19

פֿאַרלאָזן האָב איך מאַמעס טיר און שוועל שוין, —
און איין׳ אַליין איז מאַמע דאָרט פֿאַרבליבן.
אָ, ביידע, ביידע זיינען מיר נאָך עלנט, —
פֿאַרגיב מיר, מאַמע אַלטינקע, פֿאַרגיב מיר!

דו האָסט געמיינט דערלעבן פֿון מיר פֿריידן.
געהאָפֿט האָסטו: דיין קינד אַ רב וועט ווערן...
נאָר שווער איז נאָך, נאָר שווער איז אונז נאָך ביידן,
און נייער גאַנג פֿון אַלטן איז נאָך שווערער.

אַ נאַכט אַ קרומע לויערט נאָך און לויערט
און שפּרייט אַף וועג אַף בלינדן שוואַרצע נעצן.
באַשערט איז מיר, פֿאַרשפּונענעם אין טרויער,
די אַלטע ווענט די פֿינסטערע צעזעצן...

באַשערט איז מיר אין שלעסער־ווענט אין אַלטע,
אַף שטיין און שטויב פֿון מאָכיקע רואינען, —
אַפּסנייו די בייזע פֿינסטערניש צעשפּאַלטן,
אַפּסנייו לעגענדעס העלע נעמען שפּינען...

— — — — — — — — — —

— — — — — — — — — —

20

נאָך לאַנגער נאַכט באַם וואַכן פייער,
נאָך שעה׳ן הייליקע, געבענטשטע, —
איך שטיי אַ גרינגער, אַ באַפרייטער,
איך שטיי אַ מונטערער באַם פענסטער.

איך זע: דער מזרח-זוים צעשיקט שוין
זיין רויטע פרייד אין פייל־ן-פונקען, —
און נאַכט צעריסן ווערט אַף שטיקער,
און שאָטנס ווערן איינגעשלונגען...

אַף בלייך געזיכט מיינס פאַלט אַ טאָג אָן,
אַ טאָג אַ לויטערער, אַ בלויער. —
ניט רייד, מיין האַרץ, שוין מער פון פלאָגן!
ניט וועק שוין מער דעם אַלטן טרויער! —

אַ ליד אַ נייעס בליט און צייטיקט,
אַ ליד אַ נייעס ווערט געבאָרן.
סע שמייכלען שוין די גרויע ווייטן
און טאָג אין בלויען נעמט שוין קלאָרן...

פון שטעטל צו שטעטל

פון שטעטל צו שטעטל אַף שנייאיקע וועגן, —
און ס'קלינגען די רעדער מיט טונקעלע רגע'ס...
כ'האָב לאַנג שוין מיין רו-טאָג אין פעלדער צעפיטן,
פון שטעטל צו שטעטל אין גרויאינקער ליטע.

אין גרויאינקער ליטע אַף זאַמדיקע בייטן,
מיט אומעט באַוואַקסן אַף שליאַכן פאַרוויינטע,
אין פראָסטיקן מעסטן פון בּרייטן און לייגען, —
וואָס נאָך קען איך וועלן חוץ שווייגן און בענקען?

חוץ בענקען און שווייגן ווי מאָביקע יאָדלעס,
מיט טרויער מיט שטומען באַפּעלצט און באַלאָדן,
ווי איינזאַמע יאָדלעס, פון ווינטן געגלעט נאָר, —
וואָס נאָך איז באַשערט מיר פון שטעטל צו שטעטל?

פון שטעטל צו שטעטל אַף שנייאיקע וועגן, —
און ס'קלינגען די רעדער מיט טונקעלע רגע'ס...
כ'האָב לאַנג שוין מיין רו-טאָג אין פעלדער צעפיטן,
פון שטעטל צו שטעטל אין גרויאינקער ליטע.

אין ווייטן שוין קרייצן זיך שפּיצן פון קלויסטער.
אין וואַרטעניש וויסטער שווימט אָן דער וואָקזאַל.
אָט איז זי, די ליטווישע שטעטל די גרויע,
מיט שטיבלעך, מיט הויפן, מיט קרעמערשן מאַרק.

סע שניידן די געסלעך צעיושעטע אויטאָס
און טרייסלען די שטילקייט פון שנייאיקן טאָג...
אַף שולהויף פאַרגעסענעם ליידיק און טויט איז,
אַף שול-ווענט—אַ צעטל: מע הייצט היינט די באָד...

פון קוימענס געלאַסענע רויכן זיך ציען:
מע קאָכט דאָרט בא אויוונס, מע פרעגלט, מע באַקט.
בא טעפלעך בא פולע פון קרובים-נגידים
אין זאַטער אַמעריקע—טרוימט זיך געשמאַק...

ס'איז ערב אַ חגאָ. און פול איז מיט פויערים.
און לייזונג איז היציק. נאָר הענט זיינען קאַרג...
אָט איז זי, די ליטווישע שטעטל די גרויע,
מיט שטיבלעך, מיט הויפן, מיט קרעמערשן מאַרק.

אין שויבן־בלוי פון מידן צוג נאָך רו פאַרבענקטן
צאַפּלט נאָך אַן אָדערל פון שקיעה׳דיקער זון...
עס וועט שוין היינט אַ נאַכט אַ פּראָסטיקע און שטרענגע
צעשפּרייטן זיך אַף וועגן הויקערדיק און שטום.

לבנה׳דיק פאַרקלערט זיך ציען וועלן פעלדער
און פינקלען וועט אין שניי דער שטערנדיקער ים...
באַגעגנען וועט מיך שטעטל אומעטיק און עלנט
און אויסשטרעקן אַ מידע אָפּגעקילטע האַנט...

און וויקלען וועלן שטיבלעך זיך אַף שנייען־בעטן
מיט דעכער־דעקעס זילבערנע אין טיפן שלאָף...
וועל איך שוין היינט אַליין, אָ, טרויעריקעס שטעטל,
מיט טריט געגראַמטע אויסקריפּן דיין ווייסן סוף!...

וועל איך שוין היינט אַליין אין געסלעך קרומע בלאָנדזשען,
פון קיינעם ניט באַגריסט, פון קיינעם ניט באַגלייט.
און בליען וועט מיין בליק מיט עלנטער לבנה,
און פינקלען וועט מיין ליד מיט שטערנדיקן שניי...

פון גודלעווע ביז ראַסיין
און פון ניישטאָט ביז אַליטע —
פעלד און וויטן, וואַלד און שניי,
מיילן טונקעלע פון ליטע.

פירן שליאַכן — וויסט און קרום.
פאָרן פויערים און שיקסעס.
שטייען יאָדלעס אויסגעפוצט
אין ברוינע אוירינגלעך פון שישקעס...

קייקלען גלעקלעך זיך אין שניי...
אין די ווערבעס רוישן ווינטן.
אַף אַ מאָכיק-אַלטן בוים
איינגעהויקערט שלאָפט דער ווינטער...

שמייכלען ראָבן — שוואַרץ ווי נאַכט —
אַף די נאַקעטע בעריאָזעס...
גרויען צלמים אַפן שליאַך,
הענגט אַף צלמים גרויער יעזוס.

הענגט זיך יעזוסל אין פראָסט:
אויגן שטאַרע, ליפן קאַלטע,
און די שאַנדע זיינע נאָר —
אין אַ פאַרטוכל באַהאַלטן...

ווייזן צלמים אָן אַ וועג
צו דערפלעך — שטרויעדיק און קלומפיק...
אָנגעזאַפּט איז לופט און שמעקט
מיט ווייעך-גרוך פון פרומען זונטיק...

דרימלען דערפעלעך צעזייט
אַף מיילן טונקעלע פון ליטע,
פון גודלעווע ביז ראַסיין
און פון ניישטאָט ביז אַליטע...

שטערן בליען נאָך אין שטעטלעך,
שטערן גרינע ווי פּאַרצייטן...
אין אַ שעה אַ נאַכטיש-שפּעטע,
האַרץ מיינס מידעס, וואַנדער ווייטער!

שטערן טריפן נאָך אין שטעטלעך,
זילבערן דעם פּוסטן מאַרק אויס...
אין אַ שעה אַ נאַכטיש-שפּעטע,
האַרץ מיינס, — יתום, — זאָג אָפּ קדיש!

שטערן פאַלן נאָך אין שטעטלעך...
שטוינען פאַרכטיק גרויע הייזלעך:
אָט אַ שטערן האָט פאַרטשעפּעט, —
אָנגעצונדן האָט די קלויז זיך...

שטערן בליען נאָך אין שטעטלעך,
שטערן גרינע ווי פּאַרצייטן...
אין אַ שעה אַ נאַכטיש-שפּעטע,
האַרץ מיינס מידעס, וואַנדער ווייטער!

פינקלט, אָבל־בליקן, קלינג, מיין בלינדעס ליד,
אף מיילן פעלדישע פון טונקלער היימלאַנד!
וואָלקנדיק און שנייאיק קלאָגט דער קאַלטער ווינט,
ריטלדיק און נאַקעט פלאַטערן די בוימער.

טראָג מיך, צוג דו מיינער, טראָג צו טריבער וויט,
און ווידער ברענג מיך אין אַ שטעטעלע אַ גרייזע. —
דאָרט וואַרט אַף מיר אַ הימל, אָנגעטאָן אין בליי
און הויקערדיק און מאָכיק קאָרטשען זיך די הייזלעך.

דאָרט וואַרט אַף מיר מיט שטויב פאַרוויט אַ טויטער מאַרק
און אַפן שטערן אים—אַ קלויסטערשע לישייע...
ס'איז חגאָ היינט. די קראָמען אומעטיק פאַרשפאַרט.
און לאַנג וועט היינט אַ גלאָק צום גרויען חלל טענה'ן...

פינקלט, אָבל־בליקן, קלינג, מיין בלינדעס ליד,
אַף מיילן פעלדישע פון טונקלער היימלאַנד!
וואָלקנדיק און שנייאיק קלאָגט דער קאַלטער ווינט,
ריטלדיק און נאַקעט פלאַטערן די בוימער...

פון שטעטלעך פון אַלטע, פון געסלעך פון קרומע, פון מאָביקע שווע‏לן
ציען זיך וועגן, צעוואַלגערטע שליאַכן צו ליכטיקע פעלדער.

אין שטעטלעך איז לײדיק. סע לויערט דער אומעט אַף גראָזיקע ראָגן
און גרוי דער פאַרנאַכט דאָרט, און גרוי דער באַטאָג איז, און גרוי
דער פרימאָרגן.

אין שטעטלעך איז בלאָטיק. סע היטן די קראָמען פאַרהאַוועטע אידן
און ציילן פאַר׳דאגה׳ט די טונקעלע רגע׳ס און וואַרטן און האָפן אַף
פדיון.

אין שטעטלעך איז האַרבסטיק. מיט זשאַווער פאַרשפּונען דער מאַרק
און דער שולהויף.
און אידן אַל׳ץ ציילן די טונקעלע שעה׳ן: מע וואַרט און מע האָפט
אַף גאולה...

אין שטעטלעך פאַרבלאָנדזשעטע ווינטן נאָר בלאָזן אין בלינדע באַנאַכטן,
אין שטעטלעך אין בלינדע באַנאַכטן נאָר שטערנדלעך גרינינקע וואַכן...

און שטיל איז. נאָר הענער דערקרייען די נאַכטישע שעה׳ן די לעצטע...
און שוואַרצער אינדרויסן אַ מידער זיך שפּיגלט אין פינסטערע
פענסטער...

און שוואַרצער אינדרויסן פאַרלאָזן צו פינסטערע פענסטער זיך טוליעט...
און אידן אין סקריפּנדע בעטן—מע וואַרט אַל׳ץ, מע האָפט אַף גאולה...

פון שטעטלעך פון אַלטע, פון געסלעך פון קרומע, פון מאָביקע שוועלן
ציען זיך וועגן, צעוואַלגערטע שליאַכן צו ליכטיקע פעלדער.

שנייען און ווינטן און וואַלדישע ווענט. —
פון שטעטל צו שטעטל אין פראָסטיקן ברען.

שלענגלט דער צוג זיך און עקבערט די וויט...
וויקלען זיך פעלדער אין אַשיקן שיין.

שפּרייטן זיך הויכן, צעפּאַטלט און שווער,
טוליען זיך שטיבלעך צו וואָגלענדער ערד...

שווימען מער-לעת'ן אין בענקשאַפט נאָך רו.
אַף וועגן פאַרגעסענע בלאָנדזשעט דער צוג.

פון שטעטל צו שטעטל... וואָס שוידערסטו, האַרץ?
ווער האָט דיך פאַרפירט דאָ, ווער האָט דיך פאַרנאַרט?

ווער האָט דאָ אין ווירבל פון צוגעשן רויך
דיין אָטעם דיין הייסן מיט גרויקייט באַהויכט?

אין טרויער פון שנייען, אין וואַלדישן קרעפּ
ווער האָט דאָ דיין חלום דיין העלן פאַרוועבט?

פאַרצאַמט איז דיין טרייב דאָ, און הויל איז דאָס לאַנד:
פון גרענעץ צו גרענעץ מיט מידקייט אין שפּאַן.

פון גרענעץ צו גרענעץ און טריב איז דער טראָג,
פאַרלאָרן, פאַרלאָזן אַף שליאַכן פון טאָג.

פאַרלאָזן, פאַרלאָרן אַף ווי און אַף ווינד, —
פון ישוב צו ישוב אין לאַנגווייל פאַרשפּינט.

פון נעכטן אין מאָרגן דורך שווינדיקן היינט, —
און טרינקען פון אומעט דעם טונקעלן ווין...

פון שטעטל צו שטעטל אין פראָסטיקן ברען,
אין שנייען, אין ווינטן, אין וואַלדישע ווענט...

געבראַכט האָט מיך אַהער אין שיינענדיקער פרי
אַ צוג אַ שנייאיקער פון פעלדער שטומע.
אַ גאַנצע נאַכט געוואָיעט האָט דער קאַלטער ווינט, —
איז שטיל אַזוי דאָ איצט, איז שטיל ווי נאָך אַ שטורעם...

אַף ציכן קלאָרע ליגט דאָס שטעטעלע צעשפּרייט,
און דעכער הויערן מיט פראָסט באַזילבערט...
און זוניק בלענדט דער זויבערער, דער פרישער שניי,
און שנייאיק שיינט דער מאַרק, און שנייאיק שיינט דער שולהויף...

איך גיי מיר אום צעווישן אויסגעווייסטע ווענט
פון געסלעך ליכטיקע מיט רו באַהאַנגען.

. . . .

כ'האָב דיך אַזוי-אָ, שטעטעלע, נאָך ניט געזען! —
און ס'ציטערט היינט מיין האַרץ מיט אויסגעווייסטע קלאַנגען...

הימלען קאַלטע, גרוי-פאַרשלייערט,
וועגן קרומע, קויטיק שניי.
ווייטן, אָנגעטאָן אין טרויער,
וויקלען ווינטישן געוויין...

פאָר איך, פאָר איך. שווינדלען וואָכן.
שקויד און קעלם, בירזש און טעלז...
קלינגען נעמען אַלט און מאָביק,
וואַרט שוין ווידער בלינד אַ שוועל.

פאָר איך, פאָר איך. פאָרן יאָרן.
יאָרן בלאָנדזשען אום אַף שניי...
אייביק כ'וועל אַזוי שוין פאָרן,
אָן אַ דאַך און אָן אַ היים.

אָן אַ טיר און אָן אַ טויער,
האַרץ צעעפנט נאָר פאַר ווײ — — —
ווייטן, אָנגעטאָן אין טרויער,
וויקלען ווינטישן געוויין...

ליטע!
טונקעלע היימלאַנד!
באַקאַנט איז מיר דיין גרוי געזיכט.
אַף מידן שפּרייט פון דיינע פלאַכע פליינען
באַשערט געווען איז מיר צעשיטן מיינע טריט...

מיט הייסן ווילן האָב איך זיך געלאָזט דערקענען
דיין יעדן אויסגעהונגערט שטיין...
און שטענדיק, פון גרענעץ צו גרענעץ,
געבליבן אַליין.

און דאָרט,
באַם שמאָלן שוועל פון ים פון זויבער-בלויען,
וואו ס׳קניט פאַרבענקט דיין אויסגעמאָגערט ערד,
אין וועלטן ווייטע זיין עס זאָל אַ תקון פאַר דיין טרויער, —
געלאָזט האָב איך מיין איינאונאיינציק פרומע טרער...

יאַנואַר

1

פּערלנע שמייכלען אַף מירמל פון שנייען.
הייטערע בלויקייט אַף נאָנט און אַף ווייט.
צו ליבסטער, צו האַרציקסטער הייטער היינט גיי איך
מיט צערטלעכסטער ליבע היינט ווערן באַשיינט.

פינקלען צעבלויטע די מילכיקע שליאַכן.
שווימט אָן אַ סאָסנע באַהאַנגען מיט זון...
אָ, סאָסנע דו סאָסנע, דו שטאָלצע און שלאַנקע,
מיין ערשטן, מיין הייסטן דיר היינטיקן גרוס!

אַז האַרץ אַזוי שפּילט זיך, אַז האַרץ אַזוי פרייט זיך,
און שטייפער מיין טראָט היינט און ס'טראָגט אַזוי גרינג. —
מיט צינגל מיט דינעם פון שנייאיקע ברייטן
די זילבערנע סמעטענע לעקט אַלץ דער ווינט...

כ'וועל קומען מיט אָוונט. באַגעגנען ט'מיך ליבסטע
מיט בליקן פאַרבענקטע אַף שוועל פון איר שטוב.
כ'וועל איינציקוויז קושן די שמייכלענדע פינגער
און פאַלן באַליכטיקט צו מירמל פון ברוסט...

2

זאָל זיך בייזערן דער ווינט,
זאָל די נאַכט אַף גאַם זיך שעלטן, —
כ'בלייב באַ דיינע פיס געשמידט
אין העלן טרוים פון גרינע וועלטן...

שוין פאַרגעבן אַלע זינד...
שפרייט זיך רו אַלץ שטילער-שטילער.
און אין האַרצן ווידער צינדט
בלויע ליכטלעך יונגער פרילינג...

בין איך ווידער — צאַרטעס קינד,
פרישע יוגנט נאָך דער עלטער...
זאָל זיך בייזערן דער ווינט,
זאָל די נאַכט אַף גאַם זיך שעלטן...

3

ס'האָבן גלעקלעך-שטיפערלעך אין וועלט אין בלאַנקער זיך צעקלונגען.—
קום אַרויס אין ווייסן פעלד, מיין קליינע שטיפערקע מיין יונגע!

ס'האָט זיך טאָג אַ קרעפטיקער אַף אויסגעשטראַלטער ברייט
צעזילבערט. —
קום אַרויס אין ווייסן פעלד, מיין ליכטיקע, מיין צאַרטע ליבע!

לאָמיר שפּאַנען, לאָמיר גיכער שפּאַנען אונזער גרינגן שליטן!
לאָמיר זעצן זיך אין שליטן. האַסטיקן און פליען, פליען!

כ'וועל דיך קושן, כ'וועל דיך האַלזן, כ'וועל אינגאַנצן דיך פאַרשלינגען,—
העי, איר שליאַכן מילכיקע און שליטן פלינקער דו,—צעקלינגט זיך!

אָט מיר פליען, אָט מיר יאָגן, בליצן קייקלען זיך אין שנייען,
אָט-אָ שווינדלען אויסגעגלאָזטע שלאַנקע בוימערישע רייען!

אָט-אָ שפּריצט אויס פערדל ברוינער פּערל-טרערן פון קאַפּיטעס,
אָט-אָ שאַלן שטראַליק ווייטן,—און עס גליטשט זיך אונזער שליטן!

העי, איר ווייטן, איר פאַרשייטע, שנייאיק היינט אַפסניי באַנייטע,
עפנט ברייטער טירן קלאָרע,—איך מיט ליבסטער קומען גלייך אָן!

גליטשט זיך שליטן פלינקער, פלינקער. שווינדלען הייזער, שווינדלען
פלויטן,
אויסגעבלויטע שווינדלען מיילן,—און די ווייטן אַלץ אַנטלויפן...

גליטשט זיך שליטן פלינקער, פלינקער. בלענדן העלער שנייען-שטויבן.
אין די שטויבן ברענען זונען,—און מיר דעקן צו די אויגן...

און ווען אויגן צוגעדעקט שוין, ברענען קושן אַף די ליפּן...
און אַזוי-אָ שווינדלען מיילן,—און עס גליטשט זיך אונזער שליטן!...

און אַזוי-אָ אין דער ברייטער, אויסגעשטראַלטער וועלט מיר פליען,
איך מיט קליינער, איך מיט ווילדער, איך מיט זעלטענער און ליבער!...

4

פון ווייטן פאַרטרונקענע לענדער
אַלץ שווימען און שווימען אַנטקעגן.
איז וועלט היינט — אַ ווייסע לעגענדע
אַף שנייאיק - פאַרוואַשענע וועגן...

מיר גייען אין ווייסן געקליידעט
און שווייגן אין הייליקן ציטער...
און ליכטיקע בוימער אַףביידן
צעשיטן די שנייאיקע בליטן...

אַ ווייסע לעגענדע... פאַרוואונדערט
באַקוקן מיר איינער דעם צווייטן...
מיר גייען אינצווייען — באַזונדער,
און שטילקייט אין ווייסן באַגלייט אונז...

5

עס ווילט זיך היינט קיינעם ניט טרעפן,
אַף װעגן — אַליין גיין, אַליין,
און בענקנדע בליקן אַלץ העפטן
מיט סאַמעט פון לויטערן שניי.

זאָל טריפן היינט שנייאיקע העלקייט
אין טונקעלן שאָל פון געמיט...
וואָס טיפער די בענקשאַפט וועט קוועלן,
אַלץ צאַרטער וועט אויפגיין דאָס ליד...

בּאָרוועסע אינדרויסנס

פון ענגער שטאָט פון שטיין און שטויב געקנאָטן
געצויגן האָב איך זיך צו אייך, אָ, פעלדער גראַמע,
ווי ס׳ציט צו ליכט דעם בלום אין טיף פון נאַכט פארשאָטנט,
ווי ס׳בענקט נאָך זון דער בוים אין בייזער קעלט פאַרקלאַמערט...

אין בייזער קעלט פון ווינטער שנייאיק-שטומען
געבליט האָט איר אין מיין זכרון העל און קינדיש,
און ווי אַ צאַרטער טרוים געגלעט האָט מיך מיין אומעט
אין נעכט צעהויקערטע אַף בעט-געלעגער בלינדן...

איצט זינגט דער צוג מיט רעדער-יאָג מיט האַרטן.
אַ יונגער פרילינג רייט אים נאָך אַף פליגלען בלויע...
איך פאָר צו אייך, אָ, פעלדער מיינע לאַנג-געגאַרטע! — — —
און ס׳גרויט זיך שוין פון מידער שטאָט דער לעצטער מויער...

העי, יאָג, מיין צוג, געשווינטער און געשווינטער,
ליב איז מיר אַצינד דיין שטאָלענער גערויש!
וויטן נעמען שמייכלען גילדענער און אינגער
און ס'קלייבן זיך שוין ווינטעלעך נאָך טוי...

און לאָנקעס—גרין—אין ליכטיקייט זיך באָדן.
פון שעה צו שעה ווערט פעטער שוין דאָס גראָז...
די לופט מיט העלקייט שווער איז אָנגעלאָדן
און הימל העכערט זיך פון שעה צו שעה...

שווינדט פאַרביי אַ וועלדל ווילד-צעפּאַטלט,
שטוינען בוימער נאַקעט נאָך און שטום.
נאָר אַף שפּיצן צאַפּלט שוין און צאַפּלט
פרישע שיין פון אויסגעשטראַלטער זון...

קום איך אָן פֿאַרטאָג צו ערד צעאַקערטער,
איז דער גאַנצער שטח ראָז און שפּאָגל־ניי.
ליגט די ערד אַ יונגע און אַ נאַקעטע
און ווינטן צערטלען זי און קושן זי פֿאַרשייט...

ציען אָרעמס זיך פֿון ערד צו זון אַרויף,
אָרעמס בליענדע, ווי פֿרילינגדיקער פֿרי.
שיינען וויטן אויף אין גאָלד פֿאַרשפּונענע
און בוקן זיך צו אירע שלאַנקע קני...

נעמען טאַנצן רגע'ס אויסגעלאַסענע
אַף לייב אַף ערדישן אין ליכטיקייט צעשפּרייט. —
פֿאַל איך צו צו ערד מיט גוף אין טוי באַוואַשענעם
און ווין אַרוים מיין אויסגעזויניקט פֿרייד...

ליגט אַ נאַכט באַם שוועל פון אונזער וואוינונג,
אַ נאַכט אַ פרוכטבאַרע, מיט שמעקעדיקן לייב...
ווייט איז איצט דער קלאַנג פון מידע שטיינער,
פריי איז איצט אַף פעלדער ברייטע, פריי.

אונזער וואוינונג — שטרויענע שטאַכעטן.
מיט פייכטע שטערנדלעך באַמאָלט איז דער סופיט...
שמעקט די ערד נאָך זאַפטיקער און פעטער,
און דער ווינט פאַרציט אַ פראָסטע ליד...

דער טאָג באַזוניקט איז און לינד,
דער טאָג אַ באָרוועסער צופרידן קוועלט...
קום, מיין האַרציקע, געשווינד
ווייט אין גרינעם פעלד.

עס דרימלט ערד אין שוים פון רו...
אַ בלויער ווינטעלע נאָר בלאָזט און בלאָזט. — — —
ליגן מיר און הערן צו
ווי עס וואַקסט דער גראָז...

טריפט די זון און טריפט איר גאָלדן וואַקס
אַף מיין פראָסטן בגד, אַף דיין ציצן קלייד. — — —
הערן מיר שוין ווי עס וואַקסט
אונזער גרויסע פרייד...

ערד!
געבענטשטע פרילינג-ערד!
עפן ברייטער אויף פאַר מיר די הייס-צעבליטע אָרעמס!
געצויגן האָב איך זיך צו דיר אַהער,
ווי אַ קינד צו מאַמעס ברוסט מיט אַלינקע אברים...

ווי אַ קינד, פאַריתומ׳ט קינד,
געבלאָנדזשעט האָב איך איין׳ אַליין אין רויש פון גאַסן,
און נאָר דער שטיפערל דער ווינט
פאַרטרויען פלעגט מיין מידן אויער דיינע ווייטע גרוסן...

איצט טו איך זיך, מיין ערד, מיט דיר באַהעפטן,
ערד באַפרוכפערטע מיט פרילינג און מיט טוי...
באַהויך מיט פרישן זאַפט,
גיס אָן אין גוף מיר יונגע קרעפטן, —
און זאָל פאַרוואַקסן דאָ מיין טרויער מיט אַ נייער הויט.

אַפן ניעמאַן

1

——— און אָט אַזוי איך בין צום וואַסער אָנגעקומען.
דער טאָג איז יונג. די זון—פאַרשייט. און ווינטלעך בלאָנדע שטיפן.
דער זאַמד (גינגאָלדיק-בלאַנק...)באַקרוינט די ברעגן קרומע,
און ס׳זילבערט זיך דאָס וואַסער שפּיגלדיק געשליפן.

ס׳איז פרילינג איצט. ס׳איז מילדער, שמייכלענדיקער פרילינג.
די שטאָט איז אַלט. די שטאָט איז בייז. איך האָב די שטאָט פאַרלאָזן.
אין ווייטן בלויע ווייסע וואָלקנדלעך זיך שפּילן
און פעלדער שמעקן שוין מיט זאַפטן גרין און גראָזיק.

אַף ווייסע וואָלקנדלעך מיין האַרץ האָט היינט געשוואומען...
איז גרינג אַזוי מיר איצט און ליב איז אַלץ אַזוי און טייער ———
און אָט אַזוי איך בין צום וואַסער אָנגעקומען
מיט דעם מיין העלע פרייד באַפרישן און באַנייען.

2

שיפּער!
שמייס אַוועק די וועסלעס!
לאָמיר ליגן אינדערשטיל און חלומ'ען!...
שניידן כוואַליעס — בּליצן־מעסערס
שטאָלענע...

האָט אַ פלינקער ווינטל זיך פאַר'עקשנ'ט
און דעם בּוזעם פונם וואַסער אַקערט ער...
טראָגן כוואַליעס אונז אַף אַקסלען
נאַקעטע...

ווינקט די זון פון אונטער גאָלדנע בּרעמען,
איז דער וואַסער קלאָר און טיף און הימלדיק...
אַפן אויסגעשטראַלטן ניעמאַן
שווימען מיר...

3

גרייזן-בערג מיט רעגנבויגנדיקע רוקנס.
אַף פּליכן-קעפּ—אַ סאַמעט-יאַרמעלקע פון הימל...
עס האָט דער ניעמאַן טיף אין צאַרטן בלוי פּאַרקוקט זיך
און שמייכלט צו, קאָלירנדיק, פון גרין-באַקרוינטן רעמל.

אַזוי געשמייכלט האָסטו, ניעמאַן, אין קדמונים,
אין אָנהייב בלייכן פון דיין פּליסן, פון דיין אײלן!...
און אייביק יונג אין לויף צום ים צום זויבער-ריינעם,
און אייביק פריי אַף אַלע דיינע בליציק-בלאַנקע מײלן!...

אַזוי געשמייכלט האָסטו, ניעמאַן, אין מיין העלער יוגנט,
אין שעה׳ן זוניק-גליקלעכע פון פרילינג-טעג פּאַרשייטע,
ווען ס׳פּלעגט דיין פלאַך געפּאַנצערטע שוין פּלאַצן ווילד-משוגע
און לאָזן זיך מיט שום-גערויש אין אויסגעשטראַלטע ווייטן!...

איצט וויג איך זיך אין שוים בײַ דיר, אַ פרילינגדיק-צעגרינטער...
און ס׳איז דיין וואַסער-דעק — אַ נעץ פון גאָלד-געוועבן קלאָרע,
און ס׳צאַפּלט זיך מיין האַרץ — אַ זילבער-פישעלע אַ פלינקע,
און שמייכלענדיק גייט אויף דער צויבער-פאַנג פון טיף פון יאָרן...

4

עס נידערט אָוונט.

מיט זיידענע, מיט טונקל־בלויע שאָטנס
פאַרוואַשן ווערט דעם הימלס בלייך געזיכט.
די שקיעה אויסגעהויכט האָט לעצטן אָטעם
און ס'צינדט נאָך איר דער ניעמאַן ציטעריקע ליכט...

עס נידערט אָוונט.

און וייטן טרויערן און ווערן שטיל ווי טויבן...
צו ברוסט פון ערד צעגרינטער ווינטלעך מידע פאַלן צו...
אין רוימען־הויכן שפרייט זיך אויס אַ שטראַלנדיקע רו — — —
און יונגע שטערנדלעך שוין נידערן אין טייך זיך טובלען...

5

געווען איז דער וואַסער ווי פּליסיקער בליי,
מיט נעפּעלן מיט גרויע — פֿאַררינגלט די ווייט.

געווען איז באַהויקערט מיט טרויער דער ברעג,
מיט וואָלקנס מיט שווערע — באַוואַקסן די בערג.

געווען איז אין אומעט פֿאַרשאָטנט מיין ליד,
מיט בענקשאַפֿט געבליט האָט פֿאַרטונקלטער בליק.

האָט פּלוצלונג די הויך זיך צעזוניקט, צעהעלט,
האָט בליציק צעשפּרייט זיך די הימלישע פֿעל...

גלאַנצן די בערג שוין באַטראָפֿנט מיט שיין,
הילכן די מילכיקע ווייטן פֿאַרשייט.

איז איצטער דער וואַסער — פֿון פּערל אַ שנור,
שווימען אין האַרצן אָן כוואַליעס פֿון רו...

איז איצטער דער וואַסער ווי פּליסיקער גאָלד,
האָמערט מיין ליד שוין מיט קלאַנגען פֿון שטאָל...

6

איז ליב און גרינג אזוי מיט פרילינג-ווינט מיט מילדן, בלויען,
אין ראָזער שקיעה-שעה אַף האַרץ פון מיד-צעשפרייטן ניעמאַן;
די לופט איז אויסגעקלאָרט און ווייטן ווערן פייכט און טויאיק,
און גרייט איז ציטריק האַרץ דעם מינדסטן פרילינג-שאָרך פאַרנעמען...

ס'איז יום-טוב היינט. די שיף איז פול. זי דראַפעט זיך און רודערט.
עס קאָרטשעט זיך און שוימט דער טונקל-אויסגעגלאָזטער וואַסער...
אַן אָפקלאַנג קומט פון בערג אַף דאָרפישע אַף פראָסטע לידער,
און ס'ווערן פראָסטע פנימער מיט פרילינג-ווינט באַוואַשן...

אָט איז זי שוין, די שטאָט געקרוינטע פון מיין שטילער היימלאַנד.
זי שפיגלט זיך אין האַרץ פון טייך מיט שפּיזלעך שיין מיט בלאַנקע...
געביידעם שווימען אָן מיט בלויען אָוונט-ליכט באַהאַנגען,
און ס'שפּראָצט אַף קאַרק פון באַרג פון גרינעם הערנערדיק דער מולד...

צווייט און ליכט
(ליריש פּאָעמע)

אַריינפיר

ווידער שפּרייט זיך גרינע רו פון פעלדער.
ווידער קלאָרט מיין צאַרט-פאַרבענקטער בליק.
צעשאַל זיך, האַרץ, אַלץ מונטערער און העלער
און קלינג מיר אויס פון צוויט און ליכט אַ ליד!

פאַרשוואונדן איז אין רויכן מוטנער טרויער,
אין רויכן טונקעלע פון טריבער שטאָט.
געפּלאַצט האָט האַרטער קנויל פון האַס פון גרויען,
מיט רויך און שטויב אַוועק — און שוין ניטאָ.

אַף שליאַכן ברייטע הילכן מיינע טריט דאָ,
אַף שליאַכן פּראָסטע — ווידער ווי אַמאָל.
איך גיי און קוק: סע שמייכלען הויך און נידער
מיט טרערן לויטערע פון הייסן גאָלד...

די פרייד זי לויערט דאָ מיט טויזנט בלויע אויגן
און בלויער נאָך, פאַרשייטער, קלינגט דער ווינט...
צעשאַל זיך, האַרץ, ווי פולער רעגנבויגן,
און קלינג מיר אויס פון צוויט און ליכט אַ ליד!

1

אַף ברייטע באַוואַקסענע שליאַכן
איך וואַנדער שוין ווידער — אַ קינד.
פון סאַמעט פון בלויען מיין דאַך איז,
מיין העלער באַגלייטער — דער ווינט.

עס גריסן מיך גרינע די בוימער
און רוישן מיט גילדערנע קעפּ...
און העכער, אין לויטערע רוימען,
אַ זון אַ צעשמאָלצענע שוועבט.

עס פּערלט זיך טויאיק און כוואַליעט
פון בליאיקן קאָרן דער ים,
און לאָנקעס אַף בליציקע מיילן
מיט זאַפטיקע לייבער — צעפלאַמט...

עס וויקלט זיך ווינטישער טלית
און פלאַטערט אין פליסיקן ליכט,
און ס'זויגן די זוניקע שטראַלן
פון שלאַנקע בעריאָזעס דעם מילך...

די לופט, אַ צעגליטע, געווירצט איז
מיט האָניק, מיט מיסט און מיט היי׳
עס יאָגן די וייטן ווי הירשן
און ס'וויכערט מיין הירשישע פרייד...

2

די פרייד זי לויערט דאָ מיט טויזנט בלויע אויגן
און שפרייט פאַר מידע גייער נעצן שיין...
עס האָט דער ברייטער שליאַך זיך זוניק אויסגעצויגן
און גלעט די צאַרטע קני פון שלאַנקער ווייט...

און סטעזשקעס-אָדערלעך פון שליאַך אין פעלד זיך שלענגלען,
מיט גרינס באַפודערטע, מיט גאָלד באַשפריצט...
אַף זיילן גלעזערנע די הימלען הייסע הענגען
און פויגלען באָדן זיך אין כוואַליעס היץ...

מיט זאַטע קי געאַרעמט לאָנקעס פעטע דרימלען,
אַף גראָזן רייט אַ שטיפערל אַ ווינט...
עס פיעסטעט זיך דער קאָרן, בלוי געשטרייפט, געבלימלט
און זאַנגען קלינגען ציטעריק און דין...

די פרייד זי לויערט דאָ מיט טויזנט בלויע אויגן
און שפרייט פאַר מידע גייער נעצן שיין...
עס האָט דער ברייטער שליאַך זיך זוניק אויסגעצויגן
און גלעט די צאַרטע קני פון שלאַנקער ווייט...

קלינגט פאַרטאָג אין בֿלויער שויבֿ מיט פינגער גילדערנע...
כ׳באַפ זיך אויף אַ לוסטיקער און לויף אין פעלד אַריין.

יונגער דרויסן איז צופרידן, קלאָרט און צערטלט זיך.
שפרייט זיך ליכטיקייט אַף וואַלד, אַף פעלד, אַף גערטענער.

ליגט דער בֿרייטער שליאַך, צעוואַלגערט-גרין, אַ נאַקעטער:
גוף — אין טוי אין ראָזן, קאָפ — אין העלע פלאַקערן...

בֿליצן שלאַנקע ווייטן אויף מיט שיין פאַרהייטלטע.
גליטשט זיך אוים אַף בֿרייטן שליאַך אַ זון, צעקייקלט זיך...

קייקלט זיך אַף גרינעם שליאַך אַ זון אַ פרייליכע.
וויקלט זיך די פרישע ערד אין בֿלאַנקע לייַלעכער...

הענגט אין אויסגעשטראַלטער הויך די בֿלויע לייטערניש.
קוועלן פעלדער העלער, ווערן פעלדער הייטערער.

וויגן זיך אַף גראָזן ווינטלעך ערשט-געבֿוירענע...
הילכט די אויסגעגלאָזטע לופט מיט קלאַנגען קאָרענע...

קייקלט זיך אַף גרינעם שליאַך אַ זון און פאַשעט זיך:
מיט שוואָמען-זאַפט, מיט בֿלומען-שטויבֿ, מיט גראָז מיט טוי
באַוואַשענעם...

4

מיט מידן בליק, באַוואַכט מיט לויטערע מיט ווייכע הויכן,
צעוואַלגערט ליגט אין גרינעם ערדן-שויס דער זאַטער זומער...
אַף פעלדער מאַטע שווימען לאַנגזאַם אויסגעדעמפטע רויכן
און ס'גליווערן די תבואות, אייַנגעוועבט אין העלן שלומער.

עס גייט אַרום די זון מיט גילדערנע מיט שאַרפע שערן
און שנײַדט די שלאַנקע שאָטנס אָפּ פון סאָסנע-שטאַמען שטאָלצע...
אינצווייען קאָרן-זאַנגען בויגן זיך מיט קעפּלעך שווערע,
און ס'אָטעמט היים דער רײַפער ווייץ, מיט זונען-וואַקס פאַרשמאָלצן...

ס'איז האַלבער טאָג. בעריאָזעם זילבערנע פאַרטײַעט שווײַגן...
אַף בלעטער רוען ווינטלעך אָפּ און זאַמלען פרישע קרעפטן...
די לופט איז אויסגעקלאָרט און גליט ביז אין די טיפסטע ווייטן,
וואו ערד און הימלען דרימלען איצט אין ליכטיקער באַהעפטונג...

5

— שטרעקעס זויבערע, מרחקים בלויע,
פעלדער זאַפטיקע מיט שיין באַדאַכט;
בוימער-קעפּ צעפּערלטע אין קלאָרע טויען
און פלעקן גילדערנע אַף גרינעם שליאַך...

איך גיי און גיי און ס׳פירט דער שליאַך אַלץ טיפער, טיפער.
עס קרייזלט מיר די האָר אַ שטיפערל אַ ווינט.
איך גיי און גיי און ס׳פירט דער שליאַך אַלץ טיפער, טיפער.
איך גיי און גיי... אַז ס׳גייט זיך מיר אַזוי-אָ גרינג!

די הויך זי בלענדט. דער שליאַך ער ווערט אַלץ העלער, העלער.
אַלץ זוניקער און צאַרטער ווערט דער ווינט.
די הויך זי בלענדט. דער שליאַך ער ווערט אַלץ העלער, העלער.
איך גיי און גיי און שטעל זיך אָפּ אַ ווייל און זינג:

— שטרעקעס זויבערע, מרחקים בלויע,
פעלדער זאַפטיקע מיט שיין באַדאַכט;
בוימער-קעפּ צעפּערלטע אין קלאָרע טויען
און פלעקן גילדערנע אַף גרינעם שליאַך...

6

העי, צעשאַל, צעקלינג זיך, האַרץ, ווי פולער רעגנבויגן,
און שאַל מיר אוים און קלינג מיר אוים פון צוויט און ליכט אַ ליד!
אַרוים בין איך אַף בלויען פאַנג מיט זומערדיקע אויגן,
אַרוים בין איך מיט העלע הענט צום זומערדיקן שניט...

עס ליגט דער שליאַך אַ האָריקער, אַ טויאיקער, אַ פרישער
און שמייכלט צו פאַרשייט צו העלער זומערדיקער הויך;
פון הימלען-סטעפעס לויטערע בעטאָנען שיין זיך גיסן
און ס'איז אַ יעדער שטיינדעלע מיט טוי און זאַפט באַהויכט...

און ס'איז אַ יעדעס גרעזעלע באַשפּראָצט מיט טויזנט פונקען,
און ס'קרוינט דעם קאָפ פון יעדן בוים אַ הייס-צעבליטע זון...
די וויט זי ווינקט אַ הילביקע, אַ ליכטיקע, אַ יונגע
און ס'גיסט אין גלעזער קלאָרע ווייַנען קרעפטיקע די לופט...

העי, צעשאַל, צעקלינג זיך, האַרץ, ווי פולער רעגנבויגן,
און שאַל מיר אוים און קלינג מיר אוים פון צוויט און ליכט אַ ליד!
אַרוים בין איך אַף בלויען פאַנג מיט זומערדיקע אויגן,
אַרוים בין איך מיט העלע הענט צום זומערדיקן שניט...

אין גרינע טעפיכער זיך צירן דופטיקע די פעלדער
און קאָרן שלאַנקיק-וואוקסיקער—אין הייבעלעך פון גאָלד...
די ערד זי רייפט פון שעה צו שעה און פעטער ווערט אַלץ, פעטער
און ס'שאַרפט זיך שוין פון שטראַלן-קאָסעס זוניקע דער שטאָל...

און ס'זיינען גרייט שוין זאַנגען פולע, גרייט צום שלאַכט צום גרויסן,
און גרייט שוין זיינען סאַמעט-ווינטלעך מאָלן פרישן מעל...
און ס'קריצט די זון אַף האַרץ פון שליאַך מיט אותיות מיט הייסע:
„עס צייטיקט זיך און ס'רייפט אַזאַ מין זומערדיקע וועלט!"...

העי, צעשאַל, צעקלינג זיך, האַרץ, ווי פולער רעגנבויגן,
און שאַל מיר אוים און קלינג מיר אוים פון צוויט און ליכט אַ ליד!
אַרוים בין איך אַף בלויען פאַנג מיט זומערדיקע אויגן,
אַרוים בין איך מיט העלע הענט צום זומערדיקן שניט...

ז

טראָג איך היינט אַהיים אַ פינקלדיקן קאָפּ...

עס האָבן הימלען קלאָרער היינט געשמייכלט
און ניט געזשאַלעוועט האָט זון איר הייסן גאָלד,
די ווייט געשוואומען האָט אַף העלע רויכן
און ס'האָט די לופט געבלענדט ווי לויטערער קרישטאָל...

טראָג איך היינט אַהיים אַ פינקלדיקן קאָפּ...

טראָג איך היינט אַהיים אַ שפילנדיקעס האַרץ...

עס האָבן ווינטלעך בלויער היינט געקלונגען
און סודות ליכטיקע פאַרטרויט דעם יונגן וואַלד.
ס'האָט בוים צו בוים פאַר'חדוש'ט טיף געוואונקען
און קינדיש-צאַרט פאַרטראַכט האָט זיך אַ יעדעס בלאַט...

טראָג איך היינט אַהיים אַ שפילנדיקעס האַרץ.

טראָג איך היינט אַהיים אַ צאַפלדיקע זאַנג...

סע שמעקט פון איר מיט ערדן חיות-גרינער...
כ'וועל טיילן היינט מיט איר מיין גרינג-פאַרוויגטן שלאָף:
עס זאָל מיין העלער טרוים זיך היינט צעזינגען
מיט שניטער שיינענדע, וואָס גייען אויף פון טאָל...

טראָג איך היינט אַהיים אַ צאַפלדיקע זאַנג.

הוידע, הוידע זיך, מײַן יונגע פרייד.

עס ציִען זיך די בוימער דאָרשטיקע צו ליכט.
באַזונדער דאַוונען זיי אין בלויען רוים פאַרקוקט
מיט בליקן פאָרכטיקע אין בוימערשן געזיכט —:
עס בענטשט זיי אַלעמען די הייליקע — די זון...

הוידע, הוידע זיך, מײַן יונגע פרייד.

הוידע, הוידע זיך, מײַן העלע פרייד.

עס פיעסטן זיך די גראָזן — קינדערלעך אין וויג...
זיי בויגן זיך, מיט הויקערלעך פון טוי באַשווערט,
באַזונדער אונטער גרינגער לאַסט פון גרינעם גליק —:
סע וויגט זיי אַלעמען די מוטערל — די ערד...

הוידע, הוידע זיך, מײַן העלע פרייד.

הוידע, הוידע זיך, מײַן הייסע פרייד.

סע שווימען ווייסע וואָלקנדלעך ווי שטילע שאָף, —
אַ שעפעלע אַהער, אַ שעפעלע אַהין, —
אין שטרעקעס לויטערע פון ליכטיקן אין-סוף —:
עס טרייבט זיי אַלעמען דער פאַסטוכל — דער ווינט...

הוידע, הוידע זיך, מײַן הייסע פרייד.

9

פון אייך, צו אייך, מיט אייך, אָ, פעלדער מיינע.

די בלויע ליכט אין מיינע בליקן,
פון האַרצנס בלי די צאַרטע צווייגן,
דער זיסער שוידער אין די גלידער, —
פון אייך, פון אייך, אָ, פעלדער מיינע.

ווי ס'ציט אין בלוי דעם יונגן פויגל,
ווי ס'ציט דעם גראָז צום גרינעם שטייגן, —
אַזוי צו אייך כ'האָב זיך געצויגן,
צו אייך, צו אייך, אָ, פעלדער מיינע.

אַצינד מיט טוי מיין קאָפּ באַשווערט איז,
אַף שייטערס שיין איצט זון מיך פּייניקט...
און בלויער ווינט קושט אויס די ווערטער:
„מיט אייך, מיט אייך, אָ, פעלדער מיינע!"...

פון אייך, צו אייך, מיט אייך, אָ, פעלדער מיינע.

10

איך קלייב זיי איינציקווייז, די טראָפּנס שיין
פון הימלען לויטערע אַף קאָפּ מיינעם וואָס טריפן,
די שפּילן פאַרביקע פון שלאַנקער ווייט,
וואָס ווינקען מיר דורך וואַלדישע דורך גרינע טיפן,
די שמייכלען ליכטיקע פון פערלדיקע טויען,
די גלעטן זוניקע פון ווינטעלעך פון בלויע...

איך קלייב זיי איינציקווייז, די פונקען ליכט,
וואָס שטעמפּלען מיר מיין בליק אין פלאַמיקע פרימאָרגנס,
די קלאַנגען גילדערנע פון קאָסעס-טריט
אַף לאָנקעס-ברייט, וואָס צו מיין אויער זיך דערטראָגן,
די שאָרכן זילבערנע פון בליענדע בעריאָזעס,
די זיפצן פריידיקע פון שפּראָצנדיקע גראָזן...

איך קלייב זיי איינציקווייז, די בליצן גליק
פון בלאנקיק-קלאָרינקע פון פינקלדיקע רגע'ס...
איך גיי אַרום אַ גאַנצן טאָג—אַ קינד
און אויסגעבעט מיט גרינעם ערדן-זייד מיין וועג איז...
און אין פאַרנאַכטן שווים איך אָפּ מיט זון
פון האַפּנס שליאַכישע אין קאָרן-ים אין ברייטן...
און ס'גיסט זיך אָן מיין האַרץ מיט מערב-בלוט
און ס'טוט זיך אָפּ פון מיר מיין אויסגעדינטער שטן...
און כ'שטיי שוין אויך — אַ רייפע פולע זאַנג,
מיט גאָלדן-קאָפּ צום גרינעם ערדן-שוים געבויגן...
און ס'גיסט נאָך זון איר לעצטן פאַרבן-קלאַנג
אין טיפן ברעגלאָזע פון מיינע אויסגעשטראַלטע אויגן...

11

מיט קרייד פון ליכטיקע בעריאָזעס
איז אויסגעווייסט .מיין העל געמיט;
מיט לייטערניש פון הימלען קלאָרע
איז אויסגעבלויט מיין קליינינק ליד...

12

איר זיינט מיר נאָענט, הפקר־פעלדער גראָזיק־ברייטע,
איר, רייען בוימערשע אַף גרין־באַשפּריצטן שליאַך!
פון יוגנט פריער אייך מיין צאַרטער בליק באַגלייט האָט,
פון יאָרן לאַנג מיין קינדיש האַרץ צו אייך איז וואַך.

אין שטעט פאַרצאָרנטע, אין שטעט אין רוישיק־טויבע,
אַף גרוילעך־ברודיקן, אַף שטעכיק־האַרטן דיל, —
האָט אייער וויטער גרוס געמונטערט מיר מיין גלויבן
אין טעג אין זוניק־ליכטיקע, אין טעג פון גרינעם גליק...

איז גוט אַזוי מיר איצט מיט גרינגן טראָט דעם וואַלד צו שניידן,
מיט וויכן טראָט—אי אָט דעם באַרג, אי אָט דעם שטילן טאָל;
טראָגן אַפּן קאָפּ אַ יאַרמעלקע פון בלויען זיידנס,
אַף וויעס יונגע—העזעלעך פון הייסן גאָלד...

איז גוט אַזוי מיר איצט אַלץ וויטער גיין און ציען
מיט רייען בוימערשע אַף גרין־באַשפּריצטן שליאַך;
וואַנדערן מיט טאָג צוגלייך ביז פלאַם פון שקיעה,
וואַנדערן מיט טאָג צוגלייך ביז ראַנד פון נאַכט...

בלעטער גילדערנע

כ׳האָב היינט זיך שטאַרק פאַרבענקט נאָך שטילע פעלדער
פאַרהייטלטע מיט האַרבסטיק־רייפן טוי׳ —
און האַרצנס טיף האָט צאַרט אזוי צעהעלט זיך׳
און עלנט בליק ט׳זיך טיף אַזוי צעבלויט···

אָ׳ פעלדער׳ פעלדער! פריש מיט רו באַגראָזטע!
באַזונגען האָט איר פרום מיין גרינגן טראָט!···
איצט צאַפּלט זיך׳ פאַראיינזאַמט און פאַרלאָזן׳
מיין גלידער־קנויל אין שויס פון דולער שטאָט·

עס פייניקט מיך איר גאָגנדיקער חשק
מיט גרויען בייטש פון טריבע נעכט און טעג···
איז בלאָנדזשע איך מיט האַרץ מיט פלאַמיק־הייסן
און זוך צו אייך׳ אָ׳ פעלדער׳ זיך אַ וועג!

אַ וועג אַזאַ׳ אין לויטערקייט פאַרטרונקען׳
פון קיינעמס זאָרג און מידקייט ניט פאַרטרויט···

— — — — — — — — — — —

ס׳האָט האַרץ מיינס היינט זיך העל אַזוי צעקלונגען׳
און עלנט בליק ט׳זיך טיף אַזוי צעבלויט···

אָנגעשוואוּמען זיינען נאַקעטע בּעריאָזעס
אין בּליקן-האַפּנס האַרבּסטיקע און בּלינדע...
ווינט, געטרייער ווינט, צעבּלאָז מיין רויען וויי, צעבּלאָז אים,
און טוי, און קאַלטן טוי גיס אָן אין לעכצנדיקע גלידער!

ס'איז אוּמעטיק מיר היינט אַזוי, ס'איז אוּמעטיק און האַרבּסטיק.
ס'האָט אָנגעקלאַפּט אין האַרצנס טיר אַ וואַנדערער: דער עלנט.
אַף בּוימער קראַנקע בּלעטער שוידערן מיט בּלוּט באַפּאַרבּטע,
און ווערבּעס-זקנות זיפּצן מיד אַף אָפּגעבּליטן לעבּן...

ס'איז אוּמעטיק און גוט אַזוי צו זיין פאַרלאָזן.
אַליין, אַליין אַף פעלדער-הויל מיט טריט מיט האַרבּסטיק-בּלינדע...
ווינט, געטרייער ווינט, צעבּלאָז מיין רויען וויי, צעבּלאָז אים,
און טוי, און קאַלטן טוי גיס אָן אין לעכצנדיקע גלידער!

— — — איצט קען איך גיין און קוקן פיל עס ווילט זיך
אין טיף פון ברייטן שליאַך מיט לויטערקייט באַהאַנגען.
אין האַרצן ברויזן אויף פאַראַנקערטע געפילן,
אין האַרצן וואַכן אויף אַנטשוויגענע געדאַנקען.

אָ, האַרבסט מיין האַרבסט, געכאָוועטער אין שטילע ווייען,
אין טעג צעהוידעטע פון שטאָטישן געפילדער!
ס'איז גוט, אָ גוט, מיר איצט אָט-דאָ מיט דיר אינצווייען,
מיט בוימער-קעפ מיט קופערנע, מיט ווינט מיט קילן.

אין דיינע ימים, האַרבסט, כ'וועל תפילה-נעצן פירן
און טרויער, טרויער ליכטיקער וועט היינט מיין פאַנג זיין...
אין האַרצן ברויזן אויף פאַראַנקערטע געפילן,
אין האַרצן וואַכן אויף אַנטשוויגענע געדאַנקען.

ווער מיין קאָפּ מיין מידן וועט פאַרוויגן?
ווער וועט איינשטילן מיין אומרואיקעס האַרץ?
אַף בלעטער גילדערנע מיט בלוט באַשריבן
האָט האַרבסט שוין אויסגעקריצט זיין לעצטן גזר...

סע שיינט דאָס פעלד מיט געלן ליכט באַגאָסן,
און מאַט פאַרבלויט ז'זיין קיילעכדיקער זוים...
באַם זייט פון וועג אַן אַלטע סאָסנע
בלישטשעט קעגן זון מיט אוירינגלעך פון טוי...

פאַרבראָנדזשעט ליכטן שויבן דאָרפישע פון שטיבלעך,
מיט זאַטקייט פויערשער פאַרווייט...
אָ, לאָז מיך, ערד, צו לייב צו דיינעם אָפּגעקילטן
צופאַלן מיט ווינטישן געוויין.

אָ, לאָז מיך, ערד, צו ברוסט צו דיינער אָפּגעבליטער
צופאַלן מיט ליפּ פאַרשניטענער פון האַרבסט...
ווער מיין קאָפּ מיין מידן וועט פאַרוויגן?
ווער וועט איינשטילן מיין אומרואיקעס האַרץ?

איז מיר איינזאַמקייט אַ שוועסטער
אין אַ חשונ'דיקער פרי,
בלאָנדזשען מיר אַף גרויע ווערסטן
און מיר טוליען קני צו קני...

וויגט זיך שטיל אַ גרויער נעפל,
פרעסט דעם בליק ווי קאַלטער בליי...
בלאָנדזשען מיר אַף הוילע סטעפּעס,
שכור פון דעם אומעט-וויין...

נאָגט דאָס האַרץ אַזוי און בעט זיך
אין אַ חשונ'דיקער פרי...
איז מיר איינזאַמקייט אַ שוועסטער, —
און מיר טוליען קני צו קני...

גיי איך מיר אַזוי אַרום אַף פרעמדע וועגן
און שטעל זיך אָפּ אַ ווייל פאַרלאָזן און אַליין:
ס׳איז נאַקעט ערד מיט טוי מיט האַרבסטיקן באַרעגנט
און הימלען שפּרייטן זיך פאַרוואָלקנט און פאַרוויינט.

און וויסט איז אַלץ. און גרוי און הויל... נאָר ווינטלעך בלאָזן.
און ראָבן טרויערן פאַרשלייערטע אין קרעפּ...
שמייכל איך אַזוי צו זיך — אַליין, פאַרלאָזן —
און ביימער שאָקלען צו מיט אָפּגעבליטע קעפּ...

הושענה... העלף מיר, גאָט.
די גרויע לאַסט פון לעבן מיינעם צו דערשלעפן
פון שטויביקער, מיט שטיין צעפּאָקטער שטאָט,
פון מידן גאַנג אַף לײמיקע און וויסטע סטעגן.

הושענה... כ׳זינג צו דיר.
מיט ווערבעס-זיפּץ אַלמנה׳שן בײַ פייכטע גראָבנס...
מיט האַרבסטיקן מיט וויינענדיקן ווינט,
נ׳מיט בייזער פרייד פון פינסטערע פון שוואַרצע ראָבן...

הושענה... טיף אין נאַכט.
אין שפּעטער שעה צעפינקלען העלער זיך די שטערן...
אין שפּעטער שעה נאָר דו אַליין ביסט וואַך.
אין שפּעטער שעה, אָ, גאָט, זאָלסטו מיין אײנזאַם ליד דערהערן.

ווערסט מיר נאָענט, נאָענט, נאָענט,
אָט-אָ שטייסטו שוין צוקאָפּנס,
נעמסט מיר שפּינען בלינדע שעה׳ן
פון מיין נאַכטישן ניט שלאָפן...

אָט-אָ בליצן שוין אין חשך
אויגן-ברונימס דיינע טיפע,
אָרעמס ציען זיך שוין הייסע, —
און איך הער מיין נאָמען רופן...

אָט-אָ קושטו מיך מיט ליפּן,
שפּיזיק-דינע, בלוטיק-רויטע, —
און עס ברענען ברוסט און ריפּן,
אַלע מיינע זיבן הויטן...

— — — — — — —

דריי דער זייגער. ווײנט אַ רעגן.
ווייטן הײלן זיך ניט גרויען...
ביז די נאַכט וועט ווען אַוועקגיין,
שפּין מיר, שפּין מיר בלינדע שעה׳ן...

ניט וויין, מיין האַרץ, ווי עלנט זאָלסט ניט זיין שוין,
ווי שוואַנגער זאָלסט ניט זיין מיט שווער געמיט! —
נו, גלויב-זשע מיר: אַף בענקשאַפט-בעט אַף ווייסער
געבאָרן ווערן וועט אַ צאַרטעם ליד...

אַף אומעט-פעלד פון דיינע מידע זאָרגן
האָט האַרבסטיק נאַכט איר שלייער אויסגעשפּרייט...
ניט וויין-זשע, האַרץ,—עס וועט אַ יונג פרימאָרגן
פאַרזייען נאָך אַף דעם זיין בלויע פרייד...

פאַר אַלע דיינע ווייטאָקן און וואונדן,
פאַר גרויער מי פון שווערן לעבנס-שפּאַן, —
וועט גאָט אַליין אין שעה פון העלן וואונדער
פאַרוויגן דיך מיט שטילער-שטילער האַנט...

עס ווילט זיך מיר ניט אויפשטיין היינט פון ווארימען געלעגער.
און נאָנט און היימיש איז מיר היינט דער איינזאַם-שטילער כוטאָר.
נאָר ס'וואַרטן שוין אַף מיר די האַרבסטיק-אומעטיקע וועגן,
און פאַר די אויגן שטייען בוימער נאַקעטע צעבלוטיקט...

און פאַר די אויגן שווימען וואָלקנס אָנגעטאָן אין טרויער,
באַזעצט אַ בוים אַן אַלטן האָבן ראָבן—אַן אַסיפה...
און ערגעץ-וואו פאַרוויקלט דרימלען שטיבלעך, זאַט און שטרויאיק,
ג'אַף שייבלעך ציטריק רעגן-טראָפּנס גרויאינקע זיך גליטשן...

און ערגעץ-וואו באַ זומפּן-שימל ווייגען ווערבעס לאָמע,
און ווינטל קאַלטער בייזערט זיך און שמייסט און בייטשט און רוט ניט.

— — — — — — — — — — — — —

איך וועל שוין היינט אַ גאַנצן טאָג אַף פעלדער הוילע בלאָנדזשען
און קומען שפּעט אין נאַכט אַ מידער אין אַ צווייטן כוטאָר...

...זאָג איך זיך:
אַזוי באַשערט איז דיר פון לאַנג שוין,
אַזוי באַשערט איז דיר פון פרי נאָך:
שווין זיך אין ערגעץ ניט פאַרפלאַנצן,
און ניט אין ערגעץ זיך צעבליען...

אַף וועגן האַרבסטיקע און וויסטע
די בלינדע טריט אַלץ מעסטן, ציילן,
פון הינטיש גרויען ביל באַגריסט נאָר,
געגלעט פון ווינטן נאָר פון הוילע.

צו טונקלער ווייט זיך ציען הימלען,
צו טונקלער ווייט זיך ציען פעלדער...
אַזוי צו אומקלאָר-טונקלע צילן
אַלץ וואַנדערן, אַלץ גיין געפעלט דיר.

אַלץ שענקען זיך דעם גאַנג אינגאַנצן
מיט בליקן דאָרשטיקע און מידע...
אַזוי באַשערט איז דיר פון לאַנג שוין,
אַזוי באַשערט איז דיר פון פרי נאָך...

אומעט! כ'נויג פאַר דיר מיין אָבלדיקן קאָפּ,
נאַ און שמיד זיי, העגט מיינע די מידע!
פון הימלשן מיט וואָלקנס אָנגעשטאָפּטן קאָרב
רגע'ס רעגנדיקע שיטן זיך...

אין קאַלטער פּאָלע קלייבט צונויף דער ווינט
פון בלעטער-פאַל זיין רויטע רויב די לעצטע...
פאַרצויגן האָט די האַרבסטיקע די פּייכטע שפּין
מיט שפּינוועבס גרויען מיינע אויגן-פענסטער...

איך זיץ און קוק מיט אָפּגעבליטן בליק
אַף ראָבן-שפּיל פון דאַך אַנטקעגנדיקן נאַסן.
אין האַרץ גייט אויף און שטייגט אַ ליד
פון שטאָטישע, מיט האַרבסט פאַרפלייצטע גאַסן.

פון טריבע רוישיקע באַטאָגעדיקע שעה'ן,
פון נעכט פון איינזאַמע און בלינדע...
אומעט! כ'נויג פאַר דיר מיין אָבלדיקן קאָפּ,
נאַ און שמיד זיי, העגט מיינע די מידע!

וויג מיך, וויג, פאַרוויג מיין בלינדן אומרו,
פאַרוויג מיין טרויעריקן קאָפּ, פאַרוויג.
די וועלט האָט איצט פאַרשלייערט זיך אין אומעט
און נאַקעט לייב מיט בלעטער-גאָלד באַצירט.

אַף פעלדער פייכטע פייפןווינטן קאַלטע,
און קראַנקע ברענען בוימער אַפן שליאַך...
אין אָרעמס דיינע מוטערישע, צאַרטע,
איז טרוימען גוט אַצינד אַ גאַנצע נאַכט.

טרוימען פון אַ יוגנט וואָס אַוועק איז
מיט טרוימען נאָר מיט ציטריקע באַקרוינט...
וויג-זשע, וויג. באַשערט איז מיר אַף ערדן
שטענדיק שוועבן שוין אין הויכקייטן פון טרוים.

באַשערט איז מיר מיט האַרץ וואָס שטענדיק שטורעמט
אויסטראָגן דעם לעבן אינדערשטיל...
וויג מיך, וויג, פאַרוויג מיין בלינדן אומרו,
פאַרוויג מיין טרויעריקן קאָפּ, פאַרוויג.

מיר דאַכט: אויב קומען וועט אַמאָל צו מיר די רו,
וועט עס נאָר זיין אַף פראָסטער ערד, אַף רויער.
אַ טאָג אַ גאַנצן איינגעשפּאַנט אין יאָך פון זון
און שלעפּן העלע פעלדער-פרייד צום שלונג פון שייער...

אַ גאַנצן טאָג זיך ראַנגלען מיטן פלינקן ווינט
און זייען זיסן שוויס אַף פעטע בייטן...
און צו פאַרנאַכט-צו, צאַרט און גלויביק, ווי אַ קינד,
צעזינגען זיך צום אייגענעם צום גלידער-ווייטאָק...

און שלעפּן הילכיק דעם געזאַנג צו פראָסטער היים
אינאיינעם מיטן אַקער, מיט דער בראָניע...
און שפּעט אין נאַכט אַ מידער הערן אַפּן היי,
ווי ס׳כראָמסקענען די מידע פערד דעם פרישן האָבער...

און ווידער שוין שפּאַנען צו אומקלאָרע צילן!
דאָס האַרץ ווערט מיט פרייד שוין פאַרטרונקען!
די ליפּן — באַפרישטע מיט ווינטעלעך גרינגע,
אין אויגן—זונס גילדערנע פונקען...

אין הויכן—פון הימלישע סטעפּעס די שפּרייטונג
אַף קאָפּ דעם באַקרוינטן מיט הײנט...
פון אונטן — צעוואַלגער פון ערדישע בײטן
מיט אײביק-פאַרוואָרלאָזטן זײן...

פעלד און ווייטן, טוי און נעפּל.
ערדן־חיות, האַריץ מיינס, שעפּ אָן.
און צעבלי זיך און צעקלאָר זיך
אין אַ ליכטיקן פרימאָרגן.

שטייען בוימער — גאָלע פלאַמען.
ברענט אַף לאָנקעס גרינער סאַמעט...
זינגט דער וועג מיט זון־געזאַנגען. —
האָסט מיך, האַרבסט־פרי, היינט געפאַנגען!
מיט דיין קופּער מיט דיין ברוינעס,
מיט דיין הימל־הויך געקרויזנטער,
מיט דיין זאַפט און מיט דיין ריח, —
אַ פאַרשכורטער היינט גיי איך. —
ס'אַרא ברייטקייט! ס'אַרא העלקייט!
מ'קען אָט דאָ ניט זיין שוין עלנט!
ס'אַרא בילדער! ס'אַרא פאַרבן!
מ'קען שוין דאָ ניט וועלן שטאַרבן!...
בלעטער־גאָלד און בראָנז פון גראָזן.
פלאַקערט, בלוטיקע בעריאָזעס!
זינגט דער וועג מיט זון־געזאַנגען. —
האָסט מיך, האַרבסט־פרי, היינט געפאַנגען!

פעלד און ווייטן, טוי און נעפּל.
ערדן־חיות, האַריץ מיינס, שעפּ אָן.
און צעבלי זיך און צעקלאָר זיך
אין אַ האַרבסטיקן פרימאָרגן.

צו גרויס איז איצט דער טרויער, מ'זאָל אים קענען אויסזינגען,
צו טיף ז'די פרייד פון זיין אָט איצט אַליין. —
סע שפרייטן הימלען זיך מיט שטערנדלעך באַזילבערט,
און פעלדער שפרייטן זיך מיט שטערנדלעך באַשנייט...

אַ נאַכט. אַ נאַכט אַ ברעגלאָזע אַף שטילע מיילן.
און פעלד, און שוויגנד פעלד פון ענד ביז ענד.
כ'האָב דיך, אָ, לויטערסטער אין שטערנשער פמליא,
אין שעה אין איצטיק-איינזאַמער דערקענט!

איך שטיי און קוק. אין הויך פאַרריסן מיין געזיכט איז.
אין אויגן מיינע, שטערן, פינטלט אָן!
אַ שיף אַ ווייסע — שווימט אין בלויען ים דער מילכוועג,
און שווימט און שווימט צום ברעג פון האָריזאָנט...

איך שטיי און שווייג. מיין קאָפּ — מיט שטערן-שניי באַזילבערט...
און קלוג בין איך און אַלט בין יונגערהייט...
צו גרויס איז איצט דער טרויער, מ'זאָל אים קענען אויסזינגען,
צו טיף ז'די פרייד פון זיין אָט איצט אַליין.

כ'וועל נאָך זינגען! ביזן לעצטן אָטעם פון מיין דאָזיין!
וואָס נאָך איז מיר פאַרבליבן, חוץ מיין ליד?
אַף סטרונעס האַרבסטיקע פון ציטעריקע גראָזן
האָט זיך צעשפילט אַ הונגעריקער ווינט...

אָקטאָבער זונען-גאָלד אַף קופער האָט צעשמאָלצן
און פאַרבט מיט דעם די בוימערישע קעפ...
אַ בלאַט אַ בלוטיקס צוגעפאַלן איז אַף מאָלצייט
צו ברוסט צו נאַקעטער פון ערד...

אָ, ווייטן צאַנקנדע אין לעצטן פלאַם פון שקיעה,
איך טראָג צו אייך מיין האַרצנס רויטע פאָן!
אַחוץ מיין ברויזנד ליד, וואָס נאָך איז מיר פאַרבליבן?
כ'וועל נאָך זינגען! כ'וועל נאָך זינגען ביזן סוף!

אינהאַלט

	זייט
עס פירט מיך נאַכט	3
אין אַלטער היים (פּאָעמע)	5—26
פון שטעטל צו שטעטל (27—39)	
פון שטעטל צו שטעטל	29
אין ווייטן	30
אין שויבן־בלוי	31
פון גודלעווע ביז ראַסיין	32
שטערן בליען נאָך אין שטעטלעך	33
פינקלט׳ אָבל־בליקן	34
פון שטעטלעך פ[illegible]לטע	35
שנייען און ווינטן	36
געבראַכט האָט מיך	37
הימלען קאַלטע	38
ליטע!	39
יאַנוואַר	40—44
באָרוועסע אינדרויסנס (45—52)	
פון ענגער שטאָט	47
העי׳ יאָג מיין צוג	48
קום איך אָן פאַרטאָג	49
ליגט אַ נאַכט	50
דער טאָג באַזוניקט איז	51
ערד!	52
אַפּן ניעמאַן	53—58
צוויט און ליכט (לירישע פּאָעמע)	59—73
בלעטער גילדערנע (75—95)	
כ׳האָב היינט	77
אָנגעשוואומען זיינען	79
איצט קען איך גיין	80
ווער מיין קאָפּ מיין מידן	81
איז מיר איינזאַמקייט אַ שוועסטער	82
גיי איך מיר אַזוי אַרום	83
הושענה	84
ווערסט מיר נאָענט	85
ניט וויין׳ מיין הארץ	86
עס ווילט זיך מיר ניט אויפשטיין היינט	87
זאָג איך זיך	88
אומעט!	89
וויג מיך׳ וויג	90
מיר דאַכט	91
און ווידער שוין שפּאַנען	92
פעלד און ווייטן	93
צו גרויס איז איצט דער טרויער	94
כ׳וועל נאָך זינגען!	95